National Library of Israel
The Jewish Morning Journal - דע , 09.05.1909, page 5

ל"ג בעומר אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר

(ספעציעל געשריבען פאר'ן „מארגען זשורנאל")

פון גד פרומקין.

דיא זון ברענט און באקט, שרפה'ט גאר אהן ההמנות.

גרויסע הייסע שווייס טראפענס רינען פון געזיכט, קוים קוים וואס מען קען דעם אטהעם ציהען.

דיא פערד און מויל-טהיערע בעוועגען זיך לאנגזאם אויף דיא גרויסע שטיינבערג פונ'ם גליל, ווייט ארום זעהט מען קיין זאך אויסער פוסטע בערג און טהאלען און שטיילע פעלזען. דיא גאנצע נאטור שיינט דא וויא אבגעשטארבען, קיין זכר פון א פפלאנצע אדער אירגענד וועלכע לעבעדיגע בעשעפענים אויסער דיא שרה (קאראוואן) וואס געהט יעצט פון טבריה נאך צפת בייצוואוואהנען היינט ביינאכט דיא הדלקה לכבוד ל"ג בעומר אויף'ן קבר פון דעם תנא ר' שמעון בן יוחאי אין מירון, א דארף אונגעפעהר א שעה רייזע פון צפת.

יעדע אונטערהאלטונג איז אונטערבראכען, קיינער עפענט ניט דעם מויל א ווארט אויסצורעדען, מען איז פשוט מיער און אבגעשוואכט, דער מויל איז טרוקען פון דורשט.

מיר זיצען אונבעוועגליך אזוי וויא דיא אבגעמאלטע און לאזען זיך פיהרען לאנגזאם פון אונזערע פערד וואס געהען א קורצע שטרעקע פאר דיא איבעריגע מיט-רייזענדע, וועלכע פאהרען הינטער אונז אויף מויל-טהירע און עזלען בעלאדען מיט געפעק, מיט קישענס, קאלדרעס א. ז. וו.

מיר לאזען זיך פיהרען פון דיא פערד, דען קיין שאסע אדער אפילו אן אויסגעטראטענער וועג איז ניטא, און פרובירט קירעווען אייער פערד וועט ער אייך פערפיהרען אין תהום אריין, מען מוז זיך אלזא לאזען פיהרען פון דיא בהמות, זיי ווייסען שוין דיא וועג צווישען דיא שטיילע פעלזען און זיי פיהרען אויף'ן ריכטיגען וועג. . .

מיר פאהרען לאנגזאם, דיא בהמות האבען קיין כח ניט שנעלער צו בעוועגען זיך און ווילט איהר אביסעלע אונטערטרייבען דיא פערד הערט איהר קולות:

„אה! א מאלאק על דאוואב!"

דאס שרייט דער-„מאקער", דער בעל הבית פון דיא פערד: „לאנגזאם מיט דיא בהמות" און מיר מוזען זיך אויף איהם אונטערגעבען. א ברירה האבען מיר!

מיר פאהרען אלזא לאנגזאם און געדולדיג, פאר אונז ריעזיגע פעלזען וועלכע סטארען זיך דערגרייכען דעם הימעל און אונטער אונז א שרעקליכער טיעפער אבגרונד אז עס כאפט א שווידער קוקענדיג אראפ.

מיר האפען: אט אט באלד ערדרייכען מיר דעם שפיץ בארג און מיר זיינען שוין ביים ציעל, אבער לא מיט א גרויסען „אלף". ארויפקלעטערנדיג דעם בארג, ערשט א צווייטער און דריטער און אזוי ווייטער ביז זיעבען גרויסע ריעזענבערג.

און דיא זון טהוט זיך דאס איהריגע, פייערט און באקט, ברענט און שרפה'ט, א שרעק!

ענדליך נאך א לאנגע זיעבען שטונדיגע רייזע זעהט זיך שוין צפת אויף א שפיץ בארג. נאך א האלבע שעה רייזע ערדרייכען מיר דיא שטאדט, און פאהרען דורך דיא ענגע שמאלע, שמוציגע געסלאך.

נאכדעם וויא מיר האבען זיך א פאר שעה אבגערוהט, זיינען שוין אונזערע פערד געשטאנען גרייט, מיר האבען זיי בעשטיגען, ווידער זיך דורכגעדרייהט די שמאלע גאסען און זיינען ארויס אויף'ן פרייען פעלד.

דא האט מען גליך געקענט זעהען דעם טומעל און די שטארקע בעוועגונג. הונדערטער מענשען, אלטע און יונגע, ווייבער און קינדער, אלע יום טוב'דיג געקליידעט האבען זיך געלאזט אויף'ן וועג וואס פיהרט נאך מירון. דיא געהען צופים, אנדערע רייטענדיג אויף אייזעלאך אדער מויל-טהירע.

דאס רוב עולם איז בעשטאנען פון שטאדט מענשען, צפת'ער תושבים, מיט זייערע צום מעהרסטען געלע קאפטענס און הויכע סאמעטענע קאפעלושען אונטער וועלכע עס הייגען ארונטער דיא שעהנע לאנגע פאות. דיא הונדערטע פרעמדע געסט זיינען שוין דאס רוב אוועקגעפאהרען אהין אין דער פריה נאר וואו ניט וואו ווארפט זיך נאך דורך א מאן מיט אייראפעאישע קליידונג, אדער א הערר מיט דער קליידונג פון דער טירקישער אינטעליגענץ, איינגעהילט אין א פיינע ווייסע זייד-וואלענע אבייע (מאנטעל) און אויף'ן טארבוש א זיידענע ווייסע שאל ארומגעבונדען מיט א שעהנעם באנד, צו שיצען דעם קאפ און נאקען פון דיא זונענשטראהלען.

א גרופע האט צוגעצויגען אונזער אויפמערקזאמקייט, מיר האבען אנגעטריבען און באלד דערזעהען רבי רפאל זילבערמאן, דער רב און דיין פון צפת, ארומגערינגעלט פון דיא שטאדטפיהרער. מיר זיינען פארגעשטעלט געווארען און זיך געגעגזייטיג בעגריסט.

אבריייטענדיג א קלייגע שטרעקע זיינען מיר אבגעהאלטען געווארען פאר א צעלט, פאר איינע פון דיא פיעלע צעלטען וואס וואהלטהעטיגע אידען שטעלען אויף אויף'ן וועג און אין מירון גופא וואו יעדערער קען פריי אהן געלד ערקוויקען זיין הארץ מיט א גלעזעל שנאפס, א גלאז לעמאניד און אנדערע ערפרישונגען.

דא האבען מיר זיך ווידער געטהיילט פון דעם רב און זיינע בעגלייטער און מיר האבען געמוזט זעהר פארזיכטיג זיין מיט אונזערע פערד פאהרענדיג ווייטער צווישען דער גרויסער מאסע מענשען אויף דיא שמאלע שטיילע וועגען צווישען בערג און טהאלען.

אנקומענדיג נעבען מירון האבען מיר געמוזט אבשטייגען פון דיא פערד און דיא איבעריגע שטרעקע ארויפקלעטערן צופים. מיר זיינען גלייך עמפפאנגען געווארען מיט מוזיק. . .

דעם טאג ווערען אין צפת אלע „מוזיקער": דער מיט א פיעדעל דער מיט א קלארנעט, און יעדער בעזונדער „שפיעלט אויף" די אורחים און כאפען א פאר מאטליקלעך.

„א ירושלים'ער?" גיט מען א פרעג, און גלייך „שפיעלט מען אויף" א ירושלים'דיגס, זייט איהר אן אמעריקאנער, וועט מען אייך שפיעלען אייער הימנע. — זייער „אויף מיר שפיעלען" האט געלעכערט דעם מוח, און מיר האבען זיך שוין ווייטער מקדים געווען. געגעבען דיא מאטליקלאך פאר'ן שפיעלען און יוצא. . .

באלד האט מען זיך דערוואוסט ווער מיר זיינען, און דיא הענד האבען אונז פשוט אנגעהויבען וועה צו טהאן פון דיא מאסע „שלום עליכם'ס".

„שלום עליכם!!" הערט איהר א קאמאנדא און א האנד פליהט אייך אנטקעגען, איידער איהר אוספייעט זיך נאך אומקוקען, און איהר מוזט בעצייטענס אויסשטרעקען אייער האנד, אבהאלטען יענעמ'ס עס זאל אייך ניט טרעפען ערגיץ אין הארצען אדער אין פנים. . .

„אט יענע מיט דיא „דייטשע קאפעלושען" מיט דיא ווייסע „אבאייעס" און דיא גילדערנע ברילען" צייגט אן איינער דעם אנדערן צייגענדיג אויף אונז מיט דיא פינגער, און אין צווייטען מאמענט א נייע אטאקע א נייער „שלום-עליכם".

אזוי האבען מיר זיך דורכגעשטופט און צוגעקומען צו דעם גרויסען הויף וואו עס געפינט זיך דיא „מערה" אין וועלכע עס ליגט דער תנא ר' שמעון בן יוחאי.

עס איז א צוויי-שטאקיגע אלטע קאסטענארטיגע געביידע. ארום איז אן אפענער הויף, און דער דאך איז אויך א געמויערטער און אויסגעפלאסטערט. נאר וואו ניט וואו הויבען זיך אויף קליינע, רונדע ווייסע קופעלען, דיא מערב וואנד פון דער געביידע איז געהאקט אין פעלזבארג.

אויף דעם אונטערשטען עטאזש געפינט זיך ר' שמעון בן יוחאי'ס שול, און אייניגע צושטערטע הייזקעס, און אויבען געפינען זיך קליינע צימערלאך וואס זייערע טיהרען געהען ארויס אויף דער טערראססע ארום הויף.

אין דער ענגשאפט איז שווער געווען צו כאפען א ריכטיגען בליק אויפ'ן גאנצען בנין און מיר האבען זיך געלאזט ארויפגעהן אויפ'ן דאך. צוערשט האבען מיר זיך אבער געמוזט דורכשטופען דעם טויער. וואס פיהרט אין דער געביידע אריין, און דאס איז ניט אזוי לייכט. דער טויער איז לאנג און שמאל, קיין ליכט קומט אהין ניט צו נאר דורך דיא עפענונגען אין ביידע זייטען. יעצט אז דיא עפנונגען זיינען געווען פערשטעלט פון דער מאסע מענשען, איז קיין שטראהל ליכט ניט אריינגעדרונגען, און מיר האבען זיך געמוזט דורכשטופען אין דעם פינסטער צווישען דעם מענשען בארג.

באלד זיינען מיר אבער דורכגעקראכען דעם טונקעלען גאנג און מיר [illegible] זיך געפונען אין הויף.

דא איז אויך ניט דורכצושטופען זיך. בעזאנדערס ענג איז ארום דיא סטענדס וואו מען פערקויפט אדער מען טהיילט טהעע, שנאפס, צובייסען א. ז. וו.

א קוק טהוענדיג אויף דיא טרעפ וואס פיהרען ארויף אויף דער אויבערשטער טערראססע, האבען מיר זיך אנפאנגס מייאש געווען פון ארויפגעהן אמאל אויבען. אייגענטליך האבען מיר קיין טרעפ פאר זיך ניט אנגעזעהן, נאר א משופע'דיגער בארג מענשען-קעפ. אייניגע יונגע לייט האבען אונז אנגענומען און האבען אונז דאך וויא עס איז ארויפגעשלעפט. מען האט אונז אויפמערקזאם געמאכט אז דיא טרעפ האבען ניט קיין מעקות, און מען ערצעהלט עס אלס נס, אז טראטץ דיא שטארקע איינגשאפט, האט קיינמאל ניט פאסירט אז איינער זאל פון דיא טרעפ אראפפאלען.

ארויפקומענדיג אויף'ן דאך איז נאך געווען גענוג ליכטיג מיר זאלען ריכטיג בעטראכטען וואס ארום אונז טהוט זיך און וואס מיר האבען געזעהן לאזט זיך גאר ניט בעשרייבען.

מען זעהט ניט קיין ערד, קיין באדען, קיין שטיין נאר מענשען, מענשען און ווידער מענשען. מענשען בעדעקען דעם דאך, דיא טערראסע, דיא טרעפ, דעם הויף, און דעם גאנצען פלאץ ארום דער געביידע, און פון דיא מענשען זעהט איהר אויך ניט מעהר וויא קעפ, און קעפ. דיא קעפ זיינען בעדעקט פערשיעדען. מיט שווארצע סאמעטענע קאפעלושען, און אונטער רויטע טארבושען, בעדעקט מיט סאבעל שטריימלאך און מיט טורבאנען. אנגעטאהן אין בבל'ער מיצען, און בוכארישע קוטשמעס.

וואו איהר ווענדט אן אויג ווארפען, זעהט איהר אלין הונדערטער און טויזענדער מענשען קעפ.

צו פייערען דיא „הדלקה" אויף'ן קבר פון רשב"י אין מירון קומען ניט נאר די אידען פון צפת און טבריה און זייער אומגעגענד, ניט נאר פון גאנץ גליל און יהודה, נאר אויך פון גאנץ טירקיי, פון תימן ביז בגדד און פון אלע עקען וועלט פון אפריקא און אזיען, פון פערזיען, מאראקא, אלזשיר, און אזש פון טיעפען אינדיען שפארט מען אהער אן און אז איהר זועט שטארק זוכען איז ניט גאנץ שווער צו געפינען דא א כינעזישען אידען אויך.

און די טויזענדער אידען שטעהען חלילה ניט ליידיג. מען אמוזירט זיך גוט מען טאנצט און מען שפרינגט, מען זינגט און מען שפיעלט און פון צייט צו צייט נעצט מען אפ דעם צונג מיט א כוס, און מען „שפארט אונטער דיא הארץ" מיט א גוטען צובייסען. אין דיא צימערלאך וואס ארום דיא טערראסע זיצען זיך בעזונדערע גרופען און מען לעבט א גוטען טאג.

ביסלאכווייז הויבט אן ווערען טונקעל און איהר האט פאר זיך דעם זונען אונטערגאנג וואס איהר האט ניט אין ערגעץ נאר אין ארץ ישראל. דער גרעסטער קינסטלער פון א נאטור מאלער איז ניט אימשטאנד אבצומאלען דיא הונדערטער קאלירען וואס בייטען זיך אויף'ן ארץ ישראל הימעל אין צייט פון זאנען-אונטערגאנג!

נאכדעם וויא עס איז טונקעל געווארען, זיינען מיר אוועק אויף'ן דאך וואס איבער'ן שוהל, אבוואר-טען דיא „הדלקה". דארט געפינט זיך א ניעדריגע געבויטעטער זייל וואס האט אויבען א גרויסע ברייטע שיסעל, וואו עס ווערט אנגעגאסען בוימאויל און אנגעצינדען. דאס ליכט איז דאן אזוי שטארק אז מען זעהט עס אזש פון צפת.

יעדער איינער בעטראכט עס אלס מצוה צוצולייגען א קנייטעל אין פערשטזורקען דעם פייער, אבער אנצוצינדען דער ערשטער דעם פייער, איז א זאך וואס קיינער קען ניט קריגען אפילו פאר מיליאנען. דאס איז א חזקה פאר א גוטען אידען פון פוילען וועלכער בעפאלמעכטיגט יעדען יאהר איינעם פון זיינע חסידים דעם פייער אנצוצינדען אין זיין נאמען.

באלד קומט דער רב אלס פערטרעטער פון רבי'ן, און צינדעט אן דאס בוימאייל, און פלוצלונג פערבלענדעט פשוט דאס ליכט דיא אויגען! ניט אבשרעקענדיג זיך פון גרויסען פייער הויבט ערשט דער עולם אן זיך צוצושטופען, דער מיט א קריגעל בוימאייל, דער מיט א שמאטע. פיעלע ווארפען אריין היטלען אלטע טיכלאך און מלבושים, אנדערע ווארפען פון גרויס בעגייסטערונג אויך רינגען און פערל קרענצע, אין פייער אריין!

און דער פייער וואקסט פון מינוט צו מינוט, דער ברענענדער בוימאייל גיסט זיך אריבער, און וויא ברענענדע שלאנגען פאלען דיא פלאמען אראפ ארום דעם זייל און אויף'ן דאך.

איצט ווערט ערשט דיא שמחה גרויס.

אין גרויסע רעדער נעהמען זיך ארום הונדערטער מענשען און טאנצען און האפקען זיך. איינער זינגט אין מיטען:

אשריך בן יוחאי.

בשמן קודש נמשחת!

און דער עולם ענטפערט מיט גרויס בעגייסטערונג:

בר יוחאי, בר יוחאי

נמשחת אשריך!

אין א בעזונדער ווינקעל אויפ'ן דאך זיינען פערזאמעלט דיא יונגע לייט פון דיא קאלאניען ראש פינה, יסוד המעלה, מחילה און אנדערע, אויך זיי אמוזירען זיך אויף זייער אופן, און זינגען ציוניסטישע ליעדער.

דיא פרענקען און אראבישע אידען מאכען זיך יום טוב פאר זיך, און דיא חסידים טוהען זיך זייערס. פלוצלונג ווערט אבער אלעס מיט א מאל צוזאמענגעשמאלצען אין איין מאסע, ווען א יונגער אינגעל מיט א ברייטען שטרויהוט טאנצט האנד אין האנד מיט א גראב בויכיגען בוכארער וועלכער האלט זיך אן א אידען א חסיד מיט לאנגע פאות.

דיא אראבישע זיסע מעלאדיען מישען זיך אויס מיט דיא חסידישע נגונים, און צור גלייכער צייט הערען זיך דיא אייראפעיאישע מעלאדיען פון דיא ציון'ס ליעדער. עס זינגט א ספרדי:

אין אדיר כאלהים, אין ברוך כמישה,

אין גרול כתורה, ושומריה ישראל!

און דער חסיד דרידעלט:

אין ערוך לכם, אין שוה לכם,

אין דומה לכם, עמי ישראל!

און איבער אלעס הערט זיך דיא קולות פון דיא יונגע אידישע קאלאניסטען וואס זינגען דיא „התקוה".

„. . . ורבבות מבני עמנו,

עוד הולכים על קברי אבות!"

מען מעג זיך זאגען וואס מען וויל, לאזען קומען אפיקורסים און אבלאכען און אבשפעטען, לאזען זיי עס אנרופען עבודה זרה, און ווייס איך וואס זיי וועלען, גייך לאך פון זיי!

אזעלכע ימים טובים העלפען אויפהאלטען דעם יודענטהום, און בעפעסטיגען דעם בונד. וואו נאך האט איהר אזא צוזאמענקונפט פון אלע פערשיעדענע אידען? ווען נאך קומט עס זיך צוזאמען ריעזע אינטערנאציאנאלע נאציאן? און וואס האבן דיא ווערטה אט דיא היילינע שמחה, דיזע אינערליכע פרייד וועלכע נעהמט דורך דעם אימער זארגענדיגען און טרויעריגען אידען, וועלכער מאטערט זיך נעבעך אזוי אן דעם גאנצען יאהר?

לאבען פון'ם „מירון" און דיא „הדלקה", קען נאר יענער, וואס האט דאס בילד קיינמאל ניט געזעהן, און ווער עס האט יא געזעהן און לאכט, זאג איך אייך אז ער איז א ליגנער! דאס לאכט ער נאר פון אויסוועניג, זיך אויסצופיינען פאר זיינע וואוילע ברידער, אין הארצען אבער פערדאכמעט ער אליין זיין געלעכטער, אויב זיין הארץ איז נאר א אידישע.

אין א פאר שעה ארום האבען מיר זיך בעגעבען אויסצוזוהען אין דעם צימער וואס מען האט פאר אונז פארבערייטעט אין דער אידישער הויז אין מירון, וואו צעהן יונגע לייט זיצען א גאנין יאהר און לערנען אין רשב"י'ס שוהל.

עס פערשטעהט זיך אז שלאפען האט מען ניט געקענט. דער רעש און טומעל האט ניט נאכגעלאזט אויף א מינוט, און אז מיר זיינען אין דער פריה ארויס, איז נאך געווען דיא זעלבע שמחה וויא לעצטע נאכט, און עס איז קענטיג געווען אז קיינער האט אפילו דעם שלאף אין זינען ניט געהאט און האבען געטאנצט און זיך לוסטיג געמאכט אן אן אויפהער, נאר יעצט ביי דעם העלען זונען שיין האט מען מעהר געקענט בעזבאכטען דיא פרעהליכקייט און דיא בייערליכקייט.

דיא „הדלקה" האט נאך געברענט און ארום און ארום איהר, אויבען אויף דער טעראססע און אונטען אין הויף, טאנצען אלין דער עולם גרופענווייז אין גרויסע רעדער.

אינטערעסאנט איז וויא א גרופע חסידים טאנצען און אראבישען טאנין אין מיטען טאנצט איינער מיט א בלויזען שווערד אדער א פענויל, זינגט א פאר בערזען און דער עולם ארום איהם שטעהט אונבעוועגליך און ווארט אב ביז ער ענדיגט, דאן בלייבט ער שטעהן און דיא גרופע טאנצט ארום איהם און ענטפערט אין כאר.

אין א אנדער גרופע רייטען אין מיטען צוויי ספרדים אויף דיא פלייצעס פון זייערע הברה און פעכטען געשיקט מיט שווערדען, און מיידען קינסטליך אויס יעדען אנגריף פונ'ם שווערד.

מיר זיינען אריין אין הויף, מיר האבען אבער ניט געקענט אונזערע פיס בעהערשען. מיר זיינען אריין אין דער לעבעדיגער מאסע און געמוזט זיך בעוועגען מיט'ן מענשען שטראם, וועלכע האט אונז אריינגעפיהרט אין דער שוהל.

דארט איז געווען דיא איינגשאפט אונבעשרייבליך, עס איז אמת קיין פלאץ ניט געווען פאר א שפילקע קעפיל צו דער ענגשאפט איז נאך צוגעקומען שטיקעניש פון דיא הונדערטע בוימאויל לעמפלאך, אז עס האט פערכאפט א גיט גוטקייט, און אין דעם כאס איז אויף דער בימה געשטאנען ר' יצחק דוד רידב"ז, דער סלוצקער, נאכהער דער שיקאגאער רב, און האט פאר'ן עולם גערדרשנט.

ארויס קומענדיג צוריק פון שוהל איז אונז אנטקעגען געקומען אן אנדער פראצעסיאן א חאלאקע, דאס הייסט: מען שערט צום ערשטען מאל אפ דאס קינד דיא האאר פון קאפ, און מען לאזט איהם פאות.

אט דער יום טוב ווערט אין ארץ ישראל ביי דיא ספרדים און חסידים געפייערט מיט גרויס פאראד, און דאס רוב לאזט מען עס אפ אויף ל"ג בעומר. מען שערט אפ דאס קינד אדער אויפ'ן מירון, אדער אין ירושלים אויף'ן קבר פון שמעון הצדיק.

דאס קינד איז וויא געוועהנליך אויסגעפוצט אין עסיג און האניג. דער פאטער, וועלכער איז ניט וועניגער אויסגעפוצט שטארק יום טוב'דיג טראגט דאס קינד אויף א גרויסע טאץ אין שוהל אריין, איז מכבד דעם שעהנסטען אידען מיט'ן ערשטען שער, און דיא שעריל געהט דאן פון האנד צו האנד צו יעדען פריינד און בעקאנטען.

דער פאטער און דיא פאמיליע פון קינד ברייגגען מיט זיך גוטע זאכען, טראקטירען זייערע גוטע פריינד און מאכען א גרויסען יום טוב א פאאר טעג נאכאנאנד.

נאך מיטאג זיינען מיר ארויס אויפ'ן פרייען פעלד א ביסעל שפאצירען מיר זיינען דארט „ענטדעקט" געווארען פון דיא ציוניסטען און דיא צפת'ער „שאבאב" (לעבעדיגע יונגע לייט) וועלכע האבען געמאכט א פיקניק אונטער די בוימער, מיר זיינען פון זיי בעגעגנד געווארען מיט פרעהליכע הורדא געשרייען, און מיר האבען מיט זיי געמוזט מיטהאלטען קאמפאני א פאאר שעה.

ווען עס איז געקומען צו א וכוח וועגען דיא וויכטיגקייט פון דעם מירון יום טוב, האט זיך איינער א לין אבגערופען:

וואס קומט מיר ארויס פון אלע דיא ובוהים, אין זאך ווייס איך אז אונזערע חכמים זיינען טאקי געווען אמת'ע חכמים. עס איז געקומען צוגיין א אר'י הקדוש, האט איינגעזעהן אז אידען ווערען פערפאלען אין אן אייביגען אומעט, ליגען פערשטיקט אין דיא שמוציגע ענגע שטאדט הייזער און וועלען זיך קיין מאל ניט זעהן מיט דער שעהנער מוטער נאטור און וועלען קיין מאל ניט ווייזען א פרייען מוטה, איז ער גענאנגען און אויסגעקליבען שעהנע פלעצער ווייט פון שטאדט, האט בעשטימט טעג אין דיא שעהנסטע פריהלינג צייט ווען דיא נאטור איז אלע מאל פריש, דער הימעל-לויטער און דער פעלד-גרין, און האט געזאגט: „הערט איהר אידען אט דא ליגט דער תנא און דארטען יענער, אין דעם טאג איז דער געשטארבען איז דעם — יענער, עס איז א מצוה אז צו יעדען יאהרצייטס טאג זאלען זיך אידען פערזאמלען אויף זיין קבר און לעבען א גוטען טאג, א ברכה אויף זיין קאפ.

פארנאכט האבען מיר זיך געלאזט צופוס צוריק אין צפת אריין, און מיר זיינען אויפ'ן וועג אריין אין דער אידישער קאלאניע „עין זיתים".